Digitales Brandenburg

hosted by Universitätsbibliothek Potsdam

# Rebe Meʾir Bal ha-Nes

Mezaḥ, Yehoshuʻa

Ṿilna, 662 [1901 oder 1902]

ד.

urn:nbn:de:kobv:517-vlib-12911

Visual Library

געקטינגען, האט געוואהנט אגזלן, ארויבער, אמערדער, ווער פון דיא בייזענדע פלעגט קומען דארט געכטינגען, פלעגט דער קרעטשמער מייטען דעם אורח אויף דעם אופן, ער פלעגט דעם בייזענדען אין מיטען נאכט אויף וועקען פון זיין שלאף אונ ער פלעגט צו איהם אזוי זאגען: גענוג דיר שלאפען, שטייא אויף דוא האסט נאך א ווייטע וועג צו גיין ביז דיין ארט וואו דוא ברויכסט דארטען צו קומען, איך וועל דיר טאהן דיא טובה ווייזען דיא וועג וואו דוא זאלסט גיין אונ ניט בלאנדזען.

דער בייזענדער פלעגט אויפשטיין אונ דער קרעטשמער האט איהם בעגלייט, ער פלעגט איהם אוועק פיהרען טיף אין וואלד אריין, דארטען זיינען געווען אגאנצע חברה גזלנים, דער קרעטשמער האט דעם אונגליקליכען בייזענדען איבער גיגעבען צו די גזלנים אין זייערע הענד אונ יענע פלעגען איהם הארגענען אונ צו נעהמען אלעס וואס ער האט געהאט אונ דער קרעטשמער האט דער פון בעקומען אגעוויסע טהייל.

אלאנגע צייט האט דער קרעטשמער אזוי געטאהן מיט אלע בייזענדער וואס פלעגען קומען צוא איהם אין קרעטשמע געכטיגען.

צוא דעם פיינעם קרעטשמער איז אויך רבי מאיר געקומען געכטיגען, ער האט פון קיין זאך ניט געוואוסט.

## ד.

רבי מאיר איז גיוועזען פארמאטערט פון זיין לאנגע רייזע. ער האט געשמאק איין געשלאפען, איהם האט זיך געחלום'ט דאס דער קרעטשמער פיהרט אים אין וואלד אריין, דארטען זיינען איהם בעפאלען עטליכע מערדער, דער קרעטשמער האט אנגעפאנגען צו לויפען פון וואלד אונ איהם האט ער דארטען איבער געלאזען, דיא מערדער זיינען איהם בעפאלען אונ האבען

איהם אָנגעפאנגען צו ווערנען פארין האלדז , פון גרויס שרעק און שמערצען האט רבי מאיר אויף גענואכט פון שלאף , ער איז גילעגען אויף זיין גילעגער און ער האט זיך געמאכט שלאפענדיג, בייא איהם איז געווען דער בעשלוס ער זאל פון קרעטשמע גיט אוועק גיין ביז עס וועט ווערען טאג .

האלבע נאכט צייט האט איהם דער קרעטשמער אנגעפאנגען צו וועקען פון שלאף, ער האט צו איהם אזוי געזאגט ; שטייא אויף, גענוג דיר שלאפען קום מיט מיר , איך וועל דיר ציינען דעם וועג וואו דוא ברויכסט צו גיין , דוא בינסט דאך אין דעם געגינד פרעמד . וועל איך מיט דיר טאהן גנאדע , דיך פיהרען ציינען דעם ריכטיגען געהעכטערין וועג , איך נעה אויף דיין געזיכט דאס דוא בינסט זייער א פיינער איידעלער מאן , דער פאר וועל איך מיר ניט פוילען און וועל זיך בעמיהען גיין מיט דיר און וועל דיר צייגען וואו דוא ברויכסט גיין כדי דוא זאלסט ניט בלאנדזען אין דעם אונבעקאנטען געגענד .

## ה.

רבי מאיר האט זיך געמאכט ווייא ער וויל נאך שלאפען . מיט האלבע פארמאכטע אויגען האט ער אנגעקוקט דעם קרעטשמער און ער האט באלד פארשטאנען פון זיינע גנבה׳שע אויגען דאס ער איז ניט נאר איינער מענש , דיא אויגען זיינען אמאל סוחרים, דאס הויפט בייא א גנב און גזלן זיינען דיא אויגען ניט ווייא בייא אלע מענשען ווייא אפייער ברענט זייא אין דיא אויגען , זייא זיינען בימסטרא , אז זייא גיבען א קוק אויף א מענשען , ערשרעקט זיך דער מענש פאר זייא, רבי מאיר דער גרויסער מענשען קענער האט דאס באלד באמערקט , ער האט זיך געמאכט ווייא ער וואלט דאס ניט פארשטיין , קאלטבלוטהיג און זייער געלאסען , ערינקט , האט ער צו איהם געזאגט ; איך קאן

(ר״ם בעל הנס)